# ידיעות פֿון ייִוואָ

נומער 147 — דעצעמבער 1978

ייִדישער וויסנשאַפֿטלעכער אינסטיטוט, 1048 פֿינפֿטע עוועניו, ניו־יאָרק, 10028


## דער ייִוואָ באַגריסט יצחק באַשעוויס־זינגערן צו זײַן באַקומען די נאָבעל־פּרעמיע פֿאַר ליטעראַטור

# 52סטע יערלעכע ייִוואָ־קאָנפֿערענץ

## 10טער יובֿל פֿון מאַקס ווײַנרײַך־צענטער

זונטיק דעם 29סטן אָקטאָבער האָט זיך אָפֿיציעל געעפֿנט די 52סטע יערלעכע קאָנפֿערענץ פֿון ייִוואָ מיט אַ קבלת־פּנים פֿאַר די אָנטייל־נעמערס און געסט. די קאָנפֿערענץ האָט אָפּגעצייכנט דעם 10טן יובֿל פֿון מאַקס ווײַנרײַך־צענטער, אויף דער אַלגעמיינער טעמע ייִדיש און מיזרח־אייראָפּעיִשע ייִדישע שטודיעס.

פּ׳ משה לויב האָט באַגריסט דעם עולם, און גערעדט וועגן צענטער און זײַנע אויפֿטוען במשך די 10 יאָר זינט זײַן שאַפֿונג. ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער דרך פֿון צענטער איז בעצם נישט קיין נײַער, נאָר אַ באַנײַונג פֿון דער אַספּיראַנטור־פּראָגראַם וואָס האָט עקסיסטירט בײַם ייִוואָ אין ווילנע אין די צוואַנציקער יאָרן. הגם דער קאָנטעקסט און פֿאָרמאַט פֿון פֿאָרשאַרבעט האָבן זיך מיט דער צײַט געביטן, איז אָבער דער ייִוואָ קיין מאָל ניט אָפּגעטראָטן פֿון די צילן פֿון אויסשולן און דערמוטיקן יונגע פֿאָרשערס.

**מאָנטיק, דעם 30סטן אָקטאָבער, סעסיע I**

„הײַנטצײַטיקע פֿאָרשונג פֿון ייִדישן פֿאָלקלאָר״.

פֿאָרזיצער: בינה ווײַנרײַך, ייִוואָ.

(א) אײדער זי האָט פֿאָרגעשטעלט די רעפֿערענטן, האָט פּר׳ ווײַנרײַך געעפֿנט די סעסיע מיט אַן איבערבליק איבער דער ראָלע און דעם צושטײַער פֿונעם ייִוואָ — פֿון 1925 ביז דער אַרבעט פֿון צענטער — בײַם אויסשולן עטלעכע דורות זאַמלערס און פֿאָרשערס פֿונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר. זי האָט אויך דערמאָנט די פֿאַרשיידענע ביכער און מאָנאָגראַפֿיעס וואָס זײַנען אַרויס אויף פֿאָלקלאָר־טעמעס אַ דאַנק דער אַרבעט פֿונעם ייִוואָ.

(ב) ברײַנדל קירשנבלאַט־גימבלעט (פּענסילווייניע־אוניווערסיטעט) האָט געהאַלטן אַ רעפֿעראַט אד״ט „די אָפֿנקייט פֿון טעקסט: דאָס שײַכות צווישן די טעקסטן און בילדער וואָס זײַנען אויסגעהאָפֿטן אָדער אויסגעמאָלן אויף מערבֿ־אַשכּנזישע ספֿר־תּורה־באַנדן. פֿון אַן ערך דעם 15טן י״ה אָן פֿלעגן מערבֿ־אַשכּנזישע ייִדן זיך נוהג זײַן צו מאַכן ספֿר־תּורה־באַנדן פֿון דעם געוואַנט וואָס מען האָט גענוצט אײַנצוּוויקלען אַ קינד צום ברית. נאָכן אַנאַליזירן העכער 500 אַזעלכע באַנדן, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די אויסגעמאָלענע און אויסגעהאָפֿטענע פּסוקים פֿון סדר ברית־מילה האָבן זיך ווייניק געביטן

(המשך אויף ז׳ 2)



ערשטע סעסיע אויף דער ייִוואָ־קאָנפֿערענץ. פֿאָרזיצער: בינה סילווערמאַן־ווײַנרײַך.

YIVO Conference, first session: B. Silverman-Weinreich, chairperson.

# צוויי און פֿופֿציקסטע יערלעכע ייִוואָ־קאָנפֿערענץ

(המשך פֿון ז׳ 1)

במשך די יאָרן, האָט ד״ר קירשנבלאַט־גימ־
בלעט אַרויסגעדרונגען אַז די ספֿר־תּורה־באַנ־
דן שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אידעאַלן מאָדעל
פֿאַר שטודירן די שײַכותן צווישן רעלאַטיוו
פֿאַרשיידנדיקע אימאַזשן (אילוסטראַציעס)
לגבי אַ רעלאַטיוו נאָרמירטן טעקסט.

(ג) דער צווייטער לעקטאָר, יעל זרובבֿל
(פּענסילווייניע־אוניווערסיטעט) האָט גערעדט
אד״ט „ווי אַזוי עס איז געשאַפֿן געוואָרן אַ
מאָדערנער ייִדישער העלד: יוסף טרומפּל־
דורס קאַריערע נאָך זײַן טויט״. פֿ׳ זרובבֿל
האָט קודם איבערגעגעבן די עיקר פּרטים
פֿון טרומפּלדורס ביאָגראַפֿיע און דערנאָך
אַנאַליזירט די פֿילצאָליקע לעגענדעס וואָס
זײַנען אויפֿגעקומען וועגן זײַן לעבן, קאַריערע
און געשטאַלט.

## סעסיע II

„פֿאָלקלאָריסטישע און אַנטראָפּאָלאָגישע
צוגאַנגען צום חסידישן פֿאָלקלאָר און
קולטור״.

פֿאָרזיצער: שיפֿרה עפּשטיין, מאַקס ווײַנרײַך־
צענטער, ייִוואָ; טעקסאַס־אוניווערסיטעט.

(א) אין דער ערשטער אַרבעט, „חסידישע
מעשׂיות וואָס זײַנען אויפֿגעקומען בעתן חור־
בן״ האָט ד״ר יפֿה עליאַש (ברוקלין־קאָלעדזש)
איבערגעגעבן פֿיר חסידישע ווונדער־מעשׂיות
וואָס לעבן־געבליבענע ייִדן האָבן זיך דער־
ציילט בשעתן חורבן. מען דאַרף משער זײַן,
אַז די אינפֿאָרמאַנטן האָבן בפֿועל־ממש גע־
גלייבט, אַז זיי זײַנען ניצול געוואָרן אַ דאַנק
דער השתּדלות פֿון צדיק, אָדער מחמת זייער
אייגענער טיפֿער אמונה. ד״ר עליאַש האָט
די פֿיר דוגמא־מעשׂיות אויסגעקליבן פֿון הע־
כער טויזנט, וואָס זי האָט צונויפֿגעזאַמלט
אין אירע שמועסן מיט געראַטעוועטע חסי־
דים.

(ב) דוד ראָזען (אָקלאַהאָמאַ־אוניווערסי־
טעט) האָט געלייענט אַן אַרבעט וואָס באַ־
שרײַבט דעם פּאַטראָן־קליענט־אַספּעקט פֿון
דעם חסידישן רבין. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט
בפֿרט אויף דער לאַגע אין ניו־יאָרק, ווו דורך
דעם רבין ווי אַ פֿאַרמיטלער, ווערן געמאַכט
באַמיִונגען צוצושטעלן די נייטיקע געזונט־
באַדינונג פֿאַר די חסידים. אין זײַן אַנאַליז
האָט פֿ׳ ראָזען געבראַכט אַ נימשל — דעם
סאָציאָלאָגישן מוסטער פֿון פּאַטראָן־קליענט
בײַם פֿויערישן קלאַס אין אייראָפּע.

## סעסיע III

„קלאַנג־און־בילד דאָקומענטירונג:
אַרבעט־וואַרשטאַט אין וויזועלער
אַנטראָפּאָלאָגיע פֿון הײַנטיקע
חסידישע קהילות״.

פֿאָרזיצער: יהושע וואַלעצקי, ייִוואָ.

(א) שיפֿרה עפּשטיין האָט פֿאָרגעשטעלט
געקליבענע טיילן פֿון דער קלאַנגטאַשמע פֿון
אַ פּורים־שפּיל וואָס זי האָט געמאַכט בײַ די
באָבאָווער חסידים אין ברוקלין. אַ ברייַ־
טערע אָפּהאַנדלונג וועגן דער קלאַנגטאַשמע
געפֿינט מען אין ידיעות ב׳ 141־142: ז׳ 8.

(ב) כאַסיע־מרים געלערמאַן (לאַבאַן־אַנאַ־
ליז־אינסטיטוט) האָט געוויזן קלאַנגטאַשמעס
פֿון טענץ אויף חסידישע חתונות. זי האָט
אויפֿגעקלערט דעם חילוק צווישן די פֿאַר־
שיידענע טענץ: מענערשע און ווײַבערשע
און אויך טענץ פֿאַר יונגוואַרג און עלטערע.

(ג) צום סוף האָט ביל אַראָן געוויזן ליכט־
בילדער פֿון פּורים־קאָסטיומען וואָס עס
טראָגן חסידישע קינדער און דערוואַקסענע
אין ברוקלין.

## סעסיע IV

„שטודיעס אין ייִדישער ליטעראַטור״.

פֿאָרזיצער: רחל שוואַרץ, ייִוואָ.

(א) ד״ר דזשאַנעט האַדאַ (גראַדואַנט פֿון מ.
ווײַנרײַך־צענטער — ייִוואָ; קאַליפֿאָרניע־
אוניווערסיטעט אין ל״אַ) האָט געהאַלטן די
ערשטע לעקציע „דער באַנוץ פֿון דײַטש־
מעריש, דײַטש־ייִדיש און דײַטש אין יעקבֿ
גלאַטשטיינס פּאָעזיע״.

ד״ר האַדאַ האָט דערקלערט, אַז גלאַט־
שטיינס שם ווי אַ מײַסטער פֿון דער ייִדישער
שפּראַך איז כּולל נישט נאָר זײַנע בקיאות־
דיקע מאַניפּולאַציעס אין די גרענעצן פֿון
כּלל־ייִדיש, נאָר אויך אין זײַן אָפּנייג פֿון דער
נאָרמירטער שפּראַך. מיט דער צײַט, ווי אַ
פּועל־יוצא פֿונעם היטלער־חורבן איז פֿאַר
גלאַטשטיינען געוואָרן אוממעגלעך צו ניצן
דאָס אַ״ג דײַטשמעריש אין ייִדיש לשם הו־
מאָר, כאָטש אין געוויסע פֿאַלן, ווו ס׳האָט
זיך געפּאַסט האָט ער עס יאָ געניצט ווי אַ
מיטל פֿאַר איראָניע.

(ב) ד״ר דוד־הירש ראָסקעס (ייִוואָ; ייִדי־
שער טעאָלאָגישער סעמינאַר, נ״י) האָט גע־
האַלטן דעם צווייטן רעפֿעראַט אד״ט „אַ שלי־
סל צו פּרצעס זכרונות״. אין די זכרונות
(1913־1914) זאָגט ד״ר ראָסקעס, האָט פּרץ
אָפּגעוואָרפֿן די אָנגענומענע פֿאָרמען פֿון מע־
מואַרן־זשאַנער און האָט אָנגעווענדט אַנטי־
מימעטישע מיטלען ווי למשל סימבאָליזם,
כּדי אַרויסצוהייבן אַ העכערן אמת, אָדער
פּסיכאָלאָגיע און צו אַנטפּלעקן דעם פֿאַר־
באָרגענעם און טיפֿערן אמת. ד״ר ראָסקעס
האַלט אַז איטלעכס פֿון די אַכט קאַפּיטלען
פֿאַרמאָגט אַן אייגענע באַשרײַב־טעכניק און
טעמאַטישע סטרוקטור. אָבער עס בינדט זיי
פֿאַרט צונויף אין הויפּטטעמע: דער פּרווו
פֿון אַ ייִדיש ייִנגל צו שאַפֿן אַ סינטעז צווישן
מחשבֿה און געפֿיל, לאָגיק און שפּירעווודי־
קייט.

(ג) דער לעצטער לעקטאָר אויף דער
סעסיע, ד״ר אליה כּץ (סאָנאָמאַ־שטאַטישער־
קאָלעדזש אין קאַליפֿאָרניע) האָט געהאַלטן
אַ רעדע וועגן „פֿאַרווײַלונג, מוסר און סטיל
פֿון דערציילן אין קו־בוך״. זײַן אַנאַליז באַ־
ווײַזט אַז דער צונויפֿשטעלער־מחבר פֿון קו־
בוך האָט צוגעפּאַסט די מאַטעריאַלן פֿאַר אַ
ברייטערן עולם דורך שרײַבן אויף שמועס־
שפּראַך, דורך אײַנרעמען די מעשׂיות אין היי־
מישע און באַקאַנטע סצענאַרן, דורך שטעלן
דעם טראָפּ אויף זייערע קאָמישע און פֿאַר־
ווײַלערישע אַספּעקטן און דורך ציִען אויספֿירן
אין טערמינען פֿון פּראַקטישע מוסר־רייד
איידער געבן אַבסטראַקטע עטיש־פֿרומע
פּרינציפּן. דער לעקטאָר האָט אַרויסגעהויבן
די השערה, אַז אָט די סעקולאַריזירונג האָט
אין יענער צײַט גורם געווען אַז מען זאָל קוקן
קרום אויפֿן קו־בוך ווי אויף לײַכטזיניקע
דבֿרים־בטלים.

## דינסטיק, דעם 31סטן אָקטאָבער, סעסיע I

„חסידות: אַ היסטאָרישע פּערספּעקטיוו״.

פֿאָרזיצער: הרבֿ יוסף האַרלאָ, וועד הרבנים
(קאָנסערוואַטיווע).

(א) דער רעפֿערענט הענרי הוטענבאַך (סי־
טי־קאָלעדזש, נ״י) האָט אָנגעהויבן די סעסיע
מיט אַ לעקציע „ניט־ייִדישע אָפּשטאַם־קוואַלן
פֿון חסידות; בעל־שם־טובֿיזם ווי אַן אוקראַי־
נישער קולט״. פֿ׳ הוטענבאַך האָט זיך אָפּגע־
שטעלט אויף די אינטעלעקטועלע שטראָמען
און פּאָליטישע אומשטאַנדן אין אוקראַיִנע
וואָס ער האַלט, האָבן אפֿשר געקענט דינען
ווי אַ סטימול און אַן אָנשפּאַר פֿאַר דער יונ־
גער חסידישער באַוועגונג. ווײַטער איז דער
רעפֿערענט אַליין מודה, אַז זײַנע טעאָריעס
זײַנען דער עיקר ספּעקולאַטיווע און קאָנ־
טראָווערסיאַלע, און צום טייל געבויט אויף